



פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט



A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of The Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org



פרשת יתרו, י"ד שבט תשס"ז
גליון 3, מספר 13





# פרשת יתרו

__בנינו עורבים אותנו__

אין פרשת יתרו לײנעט מען די גאנצע דערצײלונג ווי אזוי דער אויבערשטער האט געגעבן די אידן די הייליקע תורה.

דערציילט דער מדרש אז בשעת דער אויבערשער האט געוואלט געבן די תורה צו די אידן (דעם ערשטן מאל בא מתן תורה), האט ער געוואלט זיין זיכער אז די אידן זיינען "ווערט" (כדאי) צו געבן זיי די תורה, דערפאר וואס מ׳וועט לערנען די תורה און מ׳וועט זיך אויפפירן לויט ווי ס׳איז אנגעוויזן אין תורה דורך מקיים זיין אירע מצוות און הוראות. האט ער דעריבער געבעטן אז די אידן זאלן אים געבן "ערבים" (גאראנטארס) - די וואס וועלן גאראנטירן אז מ׳וועט לערנען די תורה און זיך אופפירן לויט איר:

און דוקא בשעת די אידן האבן געזאגט, "בנינו ערבים אותנו" - אידישע קינדער וועלן אויף דעם זיין די גאראנטארס, ווייל זיי נעמען אויף זיך אן צו לערנען תורה און אויפפירן זיך לויט ווי ס׳איז אנגעוויזן אין תורה דורך מקיים זיין אירע מצוות און הוראות - דוקא דעמאלט איז דער אויבערשטער געווען צופרידן און האט אנגענומען די "ערבים".

קומט אויס, אז דוקא די קינדער האבן אויפגעטאן אז דער אויבערטשער זאל געבן תורה צום גאנצן אידישן פאלק דורך משה רבינו, און **"תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב"** - דורך דעם איז תורה אנגעקומען צו יעדערן פון דעם גאנצן אידישן פאלק אויף אלע דורות!

די אנווייזונג דערפון:

בשעת מ׳לערנט אין תורה וועגן דעם ענין פון מתן תורה, דארף דאס אפפרישן און באנייען ביי אידישע קינדער זייער לערנען תורה און מקיים זיין אירע מצוות. דאס איז די "גאראנטי" וואס דער אויבערשטער האט אנגענומען בכדי צו געבן די תורה צו אידן, און דוקא דורך דעם האט מען די תורה אין אלע דורות, ביז צום סוף פון אלע דורות.

און דערפון פארשטייט מען די גרויסקייט און וויכטיקייט פון נאכמער צוגעבן אין התמדה ושקידה אין לערנען תורה, אלס מערער און מערער און טיפער און ברייטער, און מקיים זיין אירע מצוות בהידור ( אפילו זייענדיק נאך פאר בר–מצוה און בת - מצוה).

און דורך דעם וואס אידישע אינדער גיבן צו אין התמדה ושקידה אין לימוד התורה און אין קיום המצוות בהידור - פארשטארקט דאס נאכמער דעם אויבערשטנ׳ס ברכות אין אלעם וואס עס נויטיקט זיך.

*(פון דער רבי׳ רעדט צו קינדער - שיחת כ"א שבט תשמ"ב)*

טייערע קינדער שלוחים,

מען פארט צום רבי'ן! מסתמא אסאך פון אייך וועלן זיין אין קראון הייטס אויף דעם כינוס השלוחות לכבוד כ"ב שבט, צוזאמען מיט אייערע מאמעס. מיר קענען ניט ווארטן אייך צו זען!

איך בין זיכער אז איר וועט זייער הנאה האבן פון דעם שיינע פראגראם וואס וועט זיין פאר די קינדער שלוחות! עס איז גוט פאר אייך צו האבן דעם געלעגנהייט צו זיין אין 770, דאווענען ביי דעם רבי'נס אהל, און צו זען אזוי פיל אנדערע שלוחות און אלע אייערע משפחות וואס קומען זיך צוזאמען.

קינדער, מיר האבן אסאך צו לערנען פון רביצין חי' מושקא, ווי איר וועט ווייטער לייענען. דורך דעם וואס מיר וועלן זיך פירן אין אירע וועגן, וועלן מיר שוין זוכה זיין צו משיח, מיר וועלן זיך שוין זען מיטן רבי'ן און רביצין חי' מושקא און האבן דעם כינוס אין ירושלים!!

-א. וועכטער

# דער חסידיש'ער לוח

## כ"ב שבט



## יארצייט פון רביצין חי' מושקא

רביצין חי' מושקא שניאורסאן איז געבארן געווארן כ"ה אדר תרס"א אין די רוסישע שטאט פון באבינאוויטש, לעבן ליובאוויטש. רביצין חי' מושקא איז געווען די צווייטע טאכטער פון דעם פריערדיקן רבי'ן. פון אירע ערשטע יארן האט זי אריינגענומען די קדושה וואס האט איר ארומגענומען אין איר טאטן און זיידן'ס הויז.

י"ד כסלו איז געווען די גרויסע חתונה. רביצין חי' מושקא האט חתונה געהאט מיטן רבי'ן אין ווארשא, פולין. מיר זיינען אלע די רביצין'ס קינדער.

דער רביצין איז געווען דעם רבינ'ס גרעסטן חסיד. רביצין חי' מושקא האט באוויזן איר שטארקייט אלס חסיד אויך אין דער אורטייל פון די ספרים. ווען מען האט איר געפרעגט וועגן די ספרים האט זי געזאגט "מיין טאטע און די ספרים באלאנגען צו חסידים!" איר קלארע ענטפער האט געמאכט א גרויסן איינדרוק אויפן ריכטער און איז געווען איינע פון די שטארקסטע סיבות פון דעם נצחון.

דער לעבן פון רביצין חי' מושקא האט זיך אויך געענדיקט אין א הייליקער וועג. א קורצע ווילע איידער זי איז אוועק, האט זי געבעטן א גלאז וואסער. נאכדעם וואס זי האט געזאגט די ברכה "שהכל נהי' בדברו" האט זי צוריקגעגעבן איר ריינע נשמה צום אויבערשטן. פופצן טויזנט מענטשן זיינען געקומען זעגענען זיך פון איר ביי איר לוי'.

קינדער, גלייך ווי די רביצין איז נסתלק געווארן, האט דער רבי געבעטן מען זאל זאגן די שלוחים: ווייל איר, די שלוחים זיינען דעם רבינ'ס משפחה! יעצט איז אייער פליכט ווייטער גיין אין די רביצין'ס הייליקע וועג ביז מען וועט שוין זוכה זיין צו די גאולה!




ר' יהושע בן לוי האט געזאגט: ווען דער אויבערשטער האט גערעדט צו די אידן ביי הר סיני, און האט געזאגט די ערשטע פון די עשרת הדברות, זיינען זייערע נשמות ארויסגעפליען פון זייערע גופים. ווי אזוי האבן זיי דערנאך געלעבט?

דער ענטפער איז, אז עס איז פאראן א ספעציעלע סארט טל וואס דער אויבערשטער וועט נוצן ביי תחיית המתים. אט דער טל האט ער גענוצט ביי הר סיני, צוריק צו ברענגען די אידן צום לעבן!

דו ביסט א שליח
און דו ווילסט פארשטיין
ווי אזוי זיין א חסיד
אין דעם רבינ'ס וועג גיין.

קענסטו היינט לערנען
א קלארע דוגמא
פון א אמת'ע חסידה
*רביצין חי' מושקא.*

דער רבי'ס האט דעם נשיאות
נים געוואלט אננעמען,
האט רביצין חי' מושקא
קלאר געלאזט הערן.

"מיין טאטע'ס חסידות
קען מען נים פארלירן,
די קיום פון חסידות
מוז זיך ווייטער ציען."

די רביצין איז געווען גרייט
פון זיך אוועקגעבן,
און אזוי האט זי זיך געפירט
דורך איר גאנצע לעבן.

דו ביסט א שליח
און דו ווילסט פארשטיין,
ווי אזוי זיין א חסיד:
אין דעם רבינ'ס וועג גיין.

קענסטו היינט לערנען
א קלארע דוגמא
פון אן אמת'ע חסידה
*רביצין חי' מושקא.*

## א הוראה פון דער נאמען פון רביצין חי' מושקא

חי' מיינט לעבן. דעם רביצין'ס לעבן איז געווען פול מיט מצוות און מעשים טובים.

מושקא מיינט בשמים אין אן אנדערע שפראך. אונזערע חכמים ערקלערן אונז אז די חוש פון שמעקן ברענגט אסאך הנאה צו אונזער נשמה.

כ"ב שבט איז דעם יארצייט פון די רביצין. דעם נומער כ"ב איז א רמז צו די כ"ב אותיות פון די א-ב. אונזערע חכמים ערקלערן אז דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט נוצנדיג די אותיות. די א-ב איז די וועג ווי דער אויבערשטער גיט חיות צו דער וועלט.

פון דעם רביצינ'ס נאמען און די טאג פון איר יארצייט, לערנען מיר א הוראה פאר אונז אין אונזער לעבן. מיר זאלן אנפילן אונזערע טעג מיט גוטסקייט און חסד. מיר זאלן דאס טאן מיט חיות, און אזוי ברענגן הנאה צום אויבערשטן, און פארשפרייטן ג-טלעכקייט אפילו אין די נידעריקסטע פלעצער פון דער וועלט.

מיט דעם וואס יעדער איד וועט ארבעטן אין די ריכטונג, וועלן מיר זוכה זיין צו די גאולה האמיתית והשלימה נאו ממש!

# דערציילט מיר א מעשה

*דער פריערדיקער רבי האט געשיקט א לייִנגע בריוו צו זיין טאכטער רביצין חי׳ מושקא, אין וואס ער האט געשריבן די הסטורי׳ פון געוויסע חסידים. די ערשטע 120 בלעטער האט מען געדרוקט, און די סוף פון דער בריוו איז געווען פריוואט צו זיין טאכטער. די פאלגענדע מעשה איז גענומען געווארן פון אט דעם בריוו.*

איין טאג איז געווען א גרויסער טומל אין בית מדרש פון דער שטאט זאסלאוו: צוויי חסידים פון דעם בעל שם טוב, ר׳ נחמן הורודענקער און ר׳ דוד פורקאש זיינען געקומען אויף א שליחות פון דעם בעל שם טוב.

דער בעש"ט האט זיי געשיקט איינזאמלען 60 גאלדענע מטבעות פאר פדיון שבויים. די חסידים זיינען אנגעקומען אין שול ווען די מענטשן האבן געהאלטן ביים סוף פון תהילים זאגן.

ווען זיי האבן דערציילט וועגן זייער שליחות, האט מען אויפגעשטעלט א בית דין צו פארשרייבן א רשימה פון די מענטשן פון שטאט און וויפל יעדער איינער קען געבן. דערנאך האט מען געשיקט שלוחים ארום דער שטאט קלייבן די געלט.

ווי גרויס זיינען אידן! אין ווייניגער ווי דריי שעה האט מען געהאט די 60 גאלדענע מטבעות!

אלע זיינען געווען אין שול, ווען מען האט פלוצלונג געהערט קולות פון געוויין! א פאר פרויען, וואס זייער מענער זיינען ניט געווען אין שטוב, זיינען געקומען ווייל זיי האבן אויך געוואלט געבן געלט. ווען זיי האבן אויסגעפונען אז די נעמען פון זייערע מענער זיינען ניט געווען אויף דער רשימה, ווייל מען האט געוואוסט אז זיי האבן ניט געהאט אסאך געלט, האבן זיי געוויינט און געשריען. זיי האבן אויך געוואלט האבן דעם גרויסען זכות צו זיין א חלק פון א צדקה וואס דער בעל שם טוב קלייבט!

צום סוף האט מען באשלאסן אז מען וועט נעמען די געלט פון די פרויען. מען האט געזאמלט די געלט און מען האט עס געשיקט צום בעל שם טוב.

נאכדעם וואס דער שליח איז געגאנגען צום בעל שם טוב, האט מען אויפגעשטעלט א טיש, און געמאכט א גרויסע סעודה אין שול אויף די גרויסע זכות וואס דער בעל שם טוב האט זיי געגעבן. ווען מען האט געענדיקט די סעודה, איז ר׳ נחמן אויפגעשטאנען צו רעדן. ער האט גערעדט וועגן די גרויסקייט פון די פרויען וואס האבן געוויינט אז זיי זאלן אויך האבן א חלק אין דעם גרויסן זכות.

ר׳ נחמן האט געזאגט " דער רבי האט אזוי געגליכן די פשוט׳ע אידן. ווי גרויס זיינען געווען די אמת׳ע טרערן פון די פרויען. די מצוה איז געווען אזוי טייער ביי זיי, און דער בעל שם טוב איז ביי זיי געווען אזוי באליבט, אז דאס וואס זיי זיינען ניט געווען א חלק פון דעם האט צובראכן זייערע הערצער! ווי זיס און טייער זיינען די טרערן ביים אויבערשטן! אזעלכע טרערן קען מלאך מיכאל נוצן צו מבטל זיין שלעכטע גזירות! אויב נאר מען וואלט געוויינט יום כיפור מיט די זעלבע סארט טרערן וואס די פרויען האבן געוויינט!"

אט זיינען געווען די חסידי׳שע פרויען, און זייערע אמת׳ע רצון צו זיין פארבונדן מיט זייער רבי דעם בעל שם טוב!




אין די טעג און חדשים נאך די הסתלקות פון רביצין חי׳ מושקא, האט דער רבי פיל מאל גערעדט אז "והחי יתן אל לבו" - ווען איינער וואס איז נאענט צו אונז איז נסתלק, מוז מען אננעמען החלטות איז זייער זכות, און דוקא אין די ענינים אין וואס זיי זיינען געווען שטארק.

אין די יארן נאך די הסתלקות, האט מען אויפגעשטעלט הונדערטע מוסדות דורך די וועלט אין איר זכות. פילע מקוואות זיינען געעפנט געווארן אין די זכות פון דער רביצין, און טראגן איר הייליקע נאמען.

עס זיינען אויך פאראן פיל מיידלאך וואס האבן די גרויסע זכות צו ווערן אנגערופען "חי׳ מושקא".

פאר די ערשטע יארצייט פון רביצין חי׳ מושקא, האט דער רבי געבעטן מען זאל מאכן א כינוס פאר די שלוחות. יענע יאר האבן ארום 400 פרויען פון ארום די וועלט געקומען צום כינוס. לכבוד די כינוס, האט דער רבי גערעדט א שיחה. נאר די שלוחות און זייערע בייביס האט מען אריינגעלאזט אונטן אין 770 צו הערן.

דער רבי האט גערעדט אז מען דארף זיין בשמחה: ווי אזוי זיין צו זיין אן אמת׳ע שלוחה, און ווי אזוי צו מאכן פון אונזער שטוב א מקדש מעט.

דעם יאר תשס"ז, ערווארט מען מער ווי זעכצן הונדערט! שלוחות פון מער ווי 65 מדינות וואס וועלן קומען צו דעם כינוס. ווי איר ווייסט, איז אויך פאראן א כינוס פאר די קינדער. מיר בעטן אז די כינוס דעם יאר זאל זיין אין ירושלים מיט אונזער רבי און רביצין צוזאמען!

לעילוי נשמת
אאמו"ר הרה"ח התמים ר׳ דובער
בן הרה"ח ר׳ נפתלי שו"ב ע"ה יוניק
זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים
נפטר ביום הרביעי, ט׳ אייר תשס"ה

נדבת בנו ר׳ דוד שי׳ יוניק ומשפחתו

TEST YOUR KNOWLEDGE

# פרשת יתרו

פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אופיס פאר מיטוואך,
און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)

יעדער לײדיקע קעסטל דארף מען אריינגלייגן אן אות פון א–י צו ענדיקן די נאמען פון א רבי אדער רביצין. שרייב אריין דער אות, און רינגל ארום דער נאמען.

| | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ל | ר | ח | א | ה | ל | ר | ל | א | ה | ר | ח | ל | ח | א | ב |
| מ | ע | ז | ר | י | ט | ש | ע | ר | מ | | י | ד | ד | י | ג |
| ד | ק | ח | צ | ח | מ | צ | ק | צ | מ | | צ | ד | ק | ר | ט |
| מ | א | ק | ש | ו | י | ר | ה | ח | י | | מ | ו | ש | ק | א |
| פ | ף | ח | צ | י | ו | י | ו | ס | ף | | צ | ח | ק | ח | ף |
| ב | ה | נ | י | י | ר | א | י | ש | ר | | ל | ש | ר | א | ל |
| ז | מ | ן | ש | ש | נ | י | א | ו | ר | | ל | מ | ן | נ | י |
| ס | ש | ס | ו | ש | ל | ו | ס | ד | ו | | ע | ר | ל | ך | ס |
| ש | ט | ע | א | נ | ר | ה | נ | א | ס | | ע | ר | נ | א | ס |
| מ | ה | ר | ש | ה | מ | ר | ש | ש | מ | | א | ל | מ | ל | ש |
| ח | ס | נ | מ | נ | ח | ס | מ | ע | נ | | ל | ס | ד | ל | נ |

הצלחה רבה

נאמען:______________________ ווי אלט:_____

אדרעס:______________________

______________________

אימייל:______________________

**די געווינער פון פרשת בשלח: אברמי קאגאן, 6**